# פֿון רעדאַקציע

## פֿאַרשיידנס

* * *

**וואָס דער צען באַטײַט**

די רעדאַקציע וויל זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דער הייך וואָס אונדזער זשורנאַל האָט דערקלעטערט: צען נומערן. דער עולם איז גרייט? גוט.

צען איז אַ סך.

אַ דאַנק פֿאַר אײַער צײַט.

* * *

דאַכט זיך, אַז די ליטעראַטי זײַנען דערלויבט קולערליי נאַרישקייטן. און ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן ייִדיש, אַל אחת כּמה וכּמה.

אין לעצטן נומער פֿון איינעם פֿון אונדזערע בכּבֿודיקסטע זשורנאַלן ווערט אָפּגעדרוקט אַן אינטערוויו מיט אַ באַרימטער שרײַבערין, איינע פֿון די ייִדישע אינטעלעקטואַלן פֿון אַלטן שניט. זי זאָגט זיך אַרויס אויף עטלעכע טעמעס; מערסטנס זײַנען אירע רייד געראָטענע. נאָר אין איין פּונקט גיט זיך בײַ איר אַ קײַקל אַרויס פֿון מויל אַזאַ שטותערײַ, וואָס שטעכט די אויגן און קימערט דאָס האַרץ. דהינו:

״ייִדיש איז יאָ פֿאַרבונדן מיט אידעאָלאָגיע אין אַמעריקע. מיר האָבן דאָ יונגעלײַט, וואָס האַלטן פֿון ייִדיש, ווײַל זיי זוכן אַ ייִדישע קולטורעלע סבֿיבֿה וואָס איז ייִדיש, אָבער אַנטי-ציוניסטיש.

״פֿאַר מיר איז דאָס אַ טרויעריקער מצבֿ. ס׳איז אָך און ווי ווען מע ניצט אויס ייִדיש כּדי צו דיסקרעדיטירן די ייִדישע מדינה. די יונגע לינקע ווילן נוצן ייִדיש כּדי צו דערגרייכן אַ מין ייִדישע אידענטיטעט, וואָס האָט קיין שום שײַכות נישט צו ישׂראל. די האָמאָסעקסואַליסטן טוען דאָס אויך. ... איך הייב נישט אָן צו פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס די ייִדישע האָמאָסעקסואַליסטן האָבן אַזאַ אינטערעס אין ייִדיש...״

דאָ פֿאָיאַווען זיך די נישט-באַזאַכטע פּלאַפּלערײַען פֿון אומוויסיקייט. פֿאַרשטייט זיך, אַז די חשובֿע מחברין גיט נישט אָן קיין איינציקן בײַשפּיל פֿון אַ ״יונגן לינקן״ ייִדישיסט וואָס באַניצט זיך מיט ייִדיש באשר ער וויל ״דיסקרעדיטירן די מדינה״. פֿאַר וואָס שטעלט זי נישט צו קיין בײַשפּיל? ווײַל ס׳איז נישטאָ קיין איינער וואָס ווערט באַצייכנט מיטן טיטל ייִדישיסט וואָס זאָל האָבן אַזאַ אַנטי-ציוניסטישן צוגאַנג צו דער ייִדישער שפּראַך און קולטור. ס׳זײַנען אַוודאי דאָ אַזלעכע, וואָס רעדן וו ע ג ן ייִדיש אויף אַן אומפֿאַראַנטוואָרטלעכן אופֿן. נאָר עס ווײַזט אויס, אַז די שרײַבערין געפֿינט זיך אויך צווישן זיי. די הײַנטיקע שאַפֿונגען אויף ייִדיש נעמען אַרײַן אַ סך שאַטירונגען, נאָר אַנטי-ישׂראלדיקייט איז ווײַזט אויס נישט קיין אָנזעעוודיקע.

איך וועט זיך מיט דער דאָזיקער שרײַבערין אויף וואָסער נישט איז סומע זי זאָל נישט אָנגעבן, אַז זי קען נישט אָנרופֿן קיין איין טעטיקן ייִדישיסט מיט אַ בכּיוונדיקן אַנטי-ישׂראלדיקן צוגאַנג.

האָמאָסעקסואַליזם איז אַן אַנדער ענין. דאַכט זיך דעם מחבר פֿון די שורות, אַז אַ סך פֿייגעלעך ווײַזן יאָ אַרויס אַ שטאַרקן אינטערעס אין דער שפּראַך. אָבער דערפֿאַר וואָס די שרײַבערין פֿאַרשטייט נישט זייערע מאָטיוון, איז זייער אינטערעס ממילא טריף-פּסול. אָט אַזאַ צוגאַנג איז טאַקע עפּעס וואָס מע ״הייבט נישט אָן צו פֿאַרשטיין״. אַ סבֿרה, אַז די חשובֿע שרײַבערין איז אַ האָמאָפֿאָב?

די שטותים וואָלטן נישט געווען מערקווערדיק, ווען די שרײַבערין זאָל זיך נישט האָבן געוואָרפֿן מיט אַזעלכע ״וואָרענונגען״ אויף אַ גרויסער צאָל ייִדישע אונטערנעמונגען. דאַכט זיך, אַז קיינער האָט זי נאָך נישט פֿאַרבעסערט. אפֿשר וועט איינער פֿון אירע חבֿרים לייענען אונדזער אַרטיקל און איר אײַנרוימען אַ שאלה אין אויער: ווי קומט אַ פּאַטש צו גוט-שבת? פֿון וואַנען שטאַמט איר קאָנספּיראַציע-טעאָריע, אַז אַנטי-ציוניסטן רײַסן זיך צו ייִדיש? און פֿון וואַנען נעמט זיך איר אַנטיפּאַטיע צו האָמאָסעקסואַליסטן? מע וויל וויסן, אויב נאָר צוליב

וויסנשאַפֿטלעכע סיבות: וואָס טרײַבט שטותערײַ?